# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

350 | פרשת האזינו | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### האזינו 'השמים' כדי עס זאל זיין ותשמע 'הארץ'

"הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִּי" (לב א)

דער מונקאטשער רב בעל 'דרכי תשובה' טייטש:

עס איז באקאנט וואס דער אר"י הקדוש זאגט ('ליקוטי תורה' תהילים סה ג) אז כאטש דער אייבערשטער איז א יודע מחשבות, זענען מיר באפוילן געווארן ארויסזאגן די ווערטער פון דאווענען מיט די מויל, און נישט נאר טראכטן אין הארץ, כדי אנדערע זאלן זיך פון דעם אפלערנען צו דאווענען.

דער יסוד איז מרומז אין אונזער פסוק: "האזינו השמים" - כאטש אין הימל הערט מען צו די געפילן פון הארץ, דאך "ואדברה" - מיט מיין מויל, כדי: "ותשמע הארץ אמרי פי" - די איינוואוינער אויף דער וועלט זאלן הערן מיין תפילה און זיך אפלערנען פון מיר צו דאווענען.

אויף נאך א אופן טייטש דער 'דרכי תשובה' דעם פסוק:

ווען די איינוואוינער פון "הארץ" - זען אז פון הימל הערט מען צו די תפילות פון צדיק און זיינע בקשות ווערן אנגענומען, איז ער מער געשעצט אין זייערע אויגן, און דורך דעם הערן זיי צו זיינע שטראף רייד און נעמען עס אן. אויף דעם האט משה רבנו געבעטן: "הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה", ווען מ'וועט אין הימל צוהערן צו מיינע תפילות, וועלן אויך די איינוואוינער אויף דער וועלט צוהערן: "אִמְרֵי פִּי" ווען איך וועל לערנען מיט זיי דעם אייבערשטנ'ס וועגן.

'תפארת בנים'

### אויב 'תשמע הארץ' וועט זיין 'האזינו השמים'

"הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִּי" (לב א)

דער **'בית אברהם'** פון סלאנים זאגט:

דער וואס וויל אז פון הימל זאל מען צוהערן זיינע תפילות, זאל אכטונג געבן אויף: "ותשמע הארץ" - אז אויך דער קערפער וואס איז באשאפן געווארן פון די ערד זאל א טייל נעמען אין זיין דאווענען, דורך דעם וואס ער וועט מעורר זיין זיין הארץ זיך מתבונן זיין און צוהערן די ווערטער וואס קומען ארויס פון זיין מויל.

'בית אברהם'

### לויבן אויף די זכות צו לויבן

"כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ" (לב ג)

זאגט רבי חיים פון טשערנאוויץ:

אין מסכת סוטה (מ א) זאגן די חכמים: "אין די צייט וואס דער שליח ציבור זאגט מודים, וואס זאגט דער עולם? זאגט רב: 'מודים אנחנו לך ה' אלוקינו **על שאנו מודים** לך'", און רש"י ערקלערט (שם ד"ה על): "אויף דעם

### א ברכה אויפן קול - א שלימות'דיגע ברכה

"הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִּי" (לב א)

האדמו"ר **רבי יחיאל יהושע פון ביאלא** זאגט:

דער וואס וויל אז אין הימל זאל מען צוהערן זיין תפילה, זאל מקפיד זיין זאגן הויעך די ברכות - "וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִּי", ווייל נאר אזוי וועלן די צוהערהער קענען משלים זיין די ברכה מיט א אמן.

'חלקת יהושע'

### שיסתלקו שונאנו ומקטרגנו - אמן

"כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ" (לב ט)

האדמו"ר בעל **'שומר אמונים'** שרייבט:

דער פסוק כאפט אן דער לשון: "יעקב **חבל** נחלתו", דיך צו לערנען אז ווען די אידן זענען מקפיד צו ענטפערן אמן כאיש אחד בלב אחד, ווערט פון דעם געוועבט א 'שטריק' וואס בינד צוזאם די מקטרגים זאלן נישט קענען רעדן שלעכט'ס אויף די אידן, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קמט ח): "לאסור מלכיהם בזקים" [=קייטן], אזוי אויך ביי מוסף פון יום כיפור בעטן מיר: "משטין - בכבל אסור".

די מקטריגים ווילן אגאנצע צייט אפרייסן פון זיך דער 'שטריק' וואס האלט זיי אפ פון מקטרג זיין, מיט דעם וואס זיי פרובירן אז די אידן זאלן נאכלאזן די מצוה פון ענטפערן אמן, אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק (שם ב ג): "נתקה את מוסרותימו" [=שטריק] - איז ראשי תיבות אמן. אבער די אידן דארפן וויסן, אז אויב זיי וועלן זוכה זיין זיך מתגבר זיין אויף זיי מיט דעם וואס זיי וועלן זיך מוסר נפש זיין צו ענטפערן אמן, וועלן זיי זוכה צו פארמיידן דער קטרוג פון זיי.

'שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פט"ו

וואס דו האסט אריינגעגעבן אין אונזערע הערצער זיין באהאפטן צו דיר און דיך צו לויבן".

דער יסוד איז מרומז אין דער פסוק: "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא" - אויף די עצם זאך וואס מיר האבן זוכה געווען צו רופן דעם אייבערשטן, דאווענען און לויבן, "הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ".

'באר מים חיים'

### 'איין און צוואנציג' אדער 'פינף און אכציג'

"כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ" (לב ג)

פון אנהויב פרשת האזינו ביז ווען עס ווערט דעם אייבערשטנ'ס נאמען אין דער פסוק זענען דא איין און צוואנציג ווערטער וואס אין זיי זענען דא פינף און אכציג אותיות. און אין 'תרגום יונתן' שטייט אז משה רבינו האט דירעקט אינזין געהאט די ציפערן בעפאר ער האט דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען.

**רבי אריה לייב גארדאן** איז מציין אין זיין חיבור 'תיקון תפילה' אויף אזאך וואס איז זייער פאסיג צו די ווערטער פון 'תרגום יונתן': ביי 'קדושה' לויט נוסח אשכנז ["נקדש את שמך..."] זענען דא איין און צוואנציג ווערטער בעפאר מ'דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אבער עס איז נישטא אין זיי פינף און אכציג אותיות. דאקעגן אין 'נוסח ספרד' ["נקדישך ונעריצך..."] זענען דא פינף און אכציג אותיות פארן דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען אבער פון די צווייטע זייט איז דא פארהאן מער ווי איין און צוואנציג ווערטער.

סידור 'אוצר התפילות' עמ' קסג

### דאווענען מיטן נוסח וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע אבות

"שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ" (לב ז)

אין גמרא ווערט געברענגט (שבת כג א) אז בעפאר מ'צינדט אן די חנוכה ליכט זאל מען זאגן: "אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה". וואונדערט זיך די גמרא: "והיכן צונו?" - עס איז דאך נאר א מצוה מדרבנן? ענטפערט די גמרא: "רב אויא זאגט: פון 'לא תסור' (דברים יז יא). רב נחמיה זאגט: 'שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך'".

**רבי שאול פון אמסטערדאם** ערקלערט, אויסער דער חיוב צו פאלגן די חכמים, באפעלט אונז דער פסוק: "שאל אביך ויגדך", מיר זאלן מקפיד זיין זאגן די ברכה מיט דעם פונקטליכן נוסח וואס אונזערע אבות האבן געזאגט, אויך אין פעלער וואס מיר זאגן געוויסע אויסדרוקן וואס זייער מקור איז נאר אין לשון המשנה און נישט אין תנ"ך. די ברכה 'להדליק נר חנוכה' איז א מוסטער אויף דעם, ווייל די ווארט 'הדלקה' טרעפן מיר נישט אין די תורה, נאר אין תורה ווערט דאס אנגערופן 'העלאה', אזוי ווי עס שטייט (שמות כז כ): "**להעלות** נר תמיד", און אין כתובים ווערט עס אנגערופן 'הבערה', אזוי ווי עס שטייט (דה"ב יג יא): "ומנורת הזהב ונרותיה **לבער** בערב".

דעריבער פעלט אויס א ספעציעלע ווארענונג נישט טוישן גארנישט פון דער נוסח הברכות, נאר: "שאל אביך ויגדך" דעם פונקטליכן נוסח וואס די חכמים האבן אויסדערוועלט - "דער לשון וואס זיי האבן אויסדערוועלט און די ווערטער וואס זיי האבן אויסגעקליבן און אוועקגעשטעלט מיט זייער רוח הקודש, ווייל זיי האבן געוואוסט דעם אייבערשטנ'ס וועגן, און וואס עס דארף אויפטון".

'בנין אריאל'

"כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ"

דער בעל 'שומר אמונים' שרייבט (מאמר פתחו שערים פרק טו):
דורך ענטפערן אמן ווערט באשאפן א שטריק, וואס מיט דעם בינדט מען צוזאם די מקטרגים און די משטינים אויף די אידן. וועגן דעם ווילן זיי מבטל זיין די אידן פון ענטפערן אמן און דורך דעם צורייסן דעם שטריק, אזוי ווי עס שטייט: "נתקה את מוסרותימו"- ר"ת אמן. ווען די אידן שטארקן זיך און געבן אכטונג צו ענטפערן אמן, זענען זיי פארזיכערט אז זיי וועלן זיך שטארקן און געווינען די מקטריגים.

**אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כַּלֵּה כָּל צַר וּמַשְׂטִין מֵעָלֵינוּ.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'מה טובו' (ב)

### 'אהבתי מעון ביתך'

אין פסוק (תהלים כו ח): "ה' אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך" דערציילט אונז דוד המלך אז ער גייט נישט צום אייבערשטנ'ס וואוינונג צוליב זיין געוואוינהייט, נאר צוליב זיין ליבשאפט צו די פלאץ וואו די שכינה הקדושה רוהט דארט (מלבי"ם שם). היינטיגע צייטן וואס בעוונותינו הרבים האבן מיר נישט קיין בית המקדש, רוהט די שכינה אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות, אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (מגילה כט א) דעם פסוק (יחזקאל יא טז): "וָאֱהִי לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט בָּאֲרָצוֹת אֲשֶׁר בָּאוּ שָׁם" - "אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל", און מיר דארפן זיך אפלערנען פון די ווערטער פון דוד און גיין אין שול מיט שעצונג און ליבשאפט.

און אין מסכת מגילה (כט א) טרעפן מיר אז אביי האט גע'דרש'נט דעם פסוק אויף קדושת בית הכנסת, און אזוי האט ער געזאגט: אין אנהייב האב איך געלערנט ביי מיר אין הויז און געדאווענט אין שול. אבער נאכן זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון דוד המלך אין פסוק: "ה' אהבתי מעון ביתך", לערן איך נאר אין שול.

די פסוקים אין תהילים (קכב ג-ה): "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך; עומדות היו רגלנו בשעריך ירושלים; ירושלים הבנויה כעיר שחוברה לה יחדיו", ערקלערט אזוי דער מהרש"א (שם): דער מענטש דארף זיך פרייען ווען ער גייט אין שול ווי גלייך ער וואלט געגאנגען צו די בית המקדש, און ווען ער שטייט מיט זיינע פוס אין שול דארף ער פילן ווי גלייך ער שטייט יעצט "בשעריך ירושלים" - אין בית המקדש אליין. ווייל לעתיד לבוא אין "ירושלים הבנויה", וועלן אלע שולן פון דער גאנצער וועלט באהאפטן ווערן, און ווערן א טייל פון די בית המקדש וואס ווערט דארט אויפגעבויעט ווערן במהרה בימינו. אויך פון דא קענען מיר לערנען די געוואלדיגע קדושה וואס איז דא אין א שול, און אויף די הכנה וואס פאדערט זיך בעפאר מיר גייען דארט דאווענען.

### 'אשתחוה, ואכרעה, אברכה'

די קומענדיגע פסוק: "ואני אשתחוה ואכרעה אברכה לפני ה' עושי" שטייט נישט קלאר אין תנ"ך, נאר די מסדרי התפילה האבן עס אזוי אויסגעשטעלט בלשון יחיד, לויט דער פסוק אין תהלים (צה ו) וואס איז געזאגט געווארן בלשון רבים: "בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו".

אין דער פסוק ווערן דערמאנט דריי לשונות פון זיך בייגן: 'אשתחווה אכרעה ואברכה'. און רד"ק ערקלערט (תהלים שם): 'השתחוויה' באדייט אויסשפרייטן דער גאנצער קערפער אויף די ערד. 'כריעה' מיינט איינבייגן די קאפ און דער קערפער, אזוי ווי מיר בוקן זיך ביי שמונה עשרה. 'בריכה' איז איינבייגן די קניה. אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז 'השתחויה' וואס איז געזאגט געווארן אין דער פסוק איז טייטש נאר איינבייגן דער קאפ. לויט דעם, די דריי לשונות וואס ווערן אויסגערעכנט אין דער פסוק זענען געשריבן לויט סדר, פון איינבייגן די קאפ ביז איינבייגן די קניה ('נורא תהלות' שם ע"פ ה'אבן עזרא').

די חכמים זכרונם לברכה זאגן (תנחומא כי תבא א) אז די דריי לשונות פון זיך בייגן וואס ווערן דערמאנט אין דער פסוק זענען אקעגן די דריי תפילות וואס די חכמים האבן מתקן געווען דאווענען יעדן טאג. און דער 'שפת אמת' (כי תבא תרנ"ה) ערקלערט, אז וועגן דעם איז געזאגט געווארן א אנדערע סארט לשון פון זיך בייגן אקעגן יעדע תפילה עקסטער, ווייל פון ווען דער מענטש שטייט אויף אינדערפריה איז ער מחויב איינווארצלען אין זיך הכנעה צום באשעפער, אזוי ווייט אז ביי מעריב וועט זיין הכנעה זיין בשלימות. וועגן דעם 'השתחוויה' וואס איז אקעגן שחרית, מיינט נאר בייגן די קאפ, 'כריעה' וואס איז אקעגן מנחה, מיינט אויך בייגן דער קערפער און 'בריכה' וואס איז אקעגן מעריב סימבאלעזירט א גאנצע הכנעה, ווען דער מענטש קניהט אויף זיינע קניה.

אין די ווערטער "לפני ה' עושי", לויבן מיר הקדוש ברוך הוא, נישט נאר אויף דעם וואס ער האט אונז באשאפן, ווייל די לויב דארפן דאך אלע באשעפענישן אויף דער וועלט לויבן, נאר אויך אויף דעם וואס ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער מיר זאלן זיין זיין עם סגולה (מלבי"ם שם).

### 'עת רצון'

אין דער לעצטער פסוק (תהלים סט יד): "ואני תפילתי לך ה' עת רצון אלוקים ברב חסדך ענני באמת ישעך", בעט דוד המלך פון הקדוש ברוך הוא אז די צייט וואס ער דאוונט פאר אים זאל זיין א 'עת רצון' (רש"י שם). נאך זענען דא וואס טייטשן אז דאס האט דוד געזאגט: אין יעדע צייט און אין יעדע מינוט "תפלתי לך ה'", דאוון איך צו דיר ה', האפנדיג אז כאטש איינע פון די תפילות וועט געזאגט ווערן אין א 'עת רצון' און דעמאלטס וועל איך זוכה זיין אז 'ברב חסדך' וועסטו זיך נישט ווענדן צו מיינע זינד, נאר "ענני באמת ישעך" (רד"ק שם).

די חכמים (ברכות ח א) דרש'ענען אויף דער פסוק: "אימתי עת רצון? בשעה שהצבור מתפללין". ערקלערט דער מהרש"א (שם) אז לויט די חכמים פארשטייט מען אז אויך דער וואס דאוונט ביחידות ['תפלתי'] זאל דאווענען "בשעה שהצבור מתפללין" ווייל די צייט איז א "עת רצון".

דער חיד"א ערקלעט די דרשה פון די חז"ל אויף דער פסוק מיט א משל: א קעניג האט ארויסגעגעבן א איבערראשנדע מעלדונג פאר זײַנע אונטערטאנען, אז לכבוד זיין געבורט'ס טאג איז ער גרייט צו ערפילן יעדע פארלאנג וואס מ'וועט אים פארלייגן. הערנדיג די רוף פונעם קעניג, האבן אסאך פון די באפעלקערונג זיך געאײַלט צו קומען, און איינער נאכן צווייטן האבן פארגעשטעלט זייערע פארלאנגען. און דער קעניג האט קיינעם נישט אנטוישט - אלעס וואס זיי האבן געבעטן האבן זיי באקומען.

צום סוף פון דער טאג, איז אריין אין צימער פון קעניג זיין נאנטסטער פריינד. דער קעניג האט זיך געפריידט אים צו באגעגענען און האט גלייך געוואלט הערן זיין פארלאנג. און דאס האט ער געבעטן פונעם קעניג מיט זיין חכמה: "איך בעט אז פון היינט אן און ווייטער, יעדע בקשה און וואונטש וואס איך וועל בעטן פון דעם קעניג, אין יעדע צייט און אין יעדע שעה, זאל אנגענומען ווערן...".

אויך דוד המלך האט אזוי געבעטן (סט יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן" - ווען איז א שעת רצון, ווען איך דאוון בציבור, אין די צייט בעט איך אז אויך ווען איך וועל נישט קענען דאווענען בציבור, זאל זיין: "אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ" ('חומת אנך' תהלים שם).

### ענני באמת ישעך

די באדייט פון די ווערטער 'באמת ישעך" איז: 'דיין אמת'דיגע ישועה'. די ערקלערונג פון דעם: א ישועה וואס קומט דורך א בשר ודם איז באגרעניצט, און אויך די צייט פון דעם איז באשטימט. אנדערשט איז א ישועה וואס קומט דורך הקדוש ברוך הוא, וואס איז א ריכטיגע און שלימות'דיגע ישועה וואס בלייבט אויף אייביג ('מצודת דוד' שם).

אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב) איז ערקלערט, אין די צייט וואס די אידן ענטפערן אמן מיט כוונה, עפענען זיך די טויערן פון הימל און זייער תפילה ווערט אנגענומען. דער נשיא פון 'בני אמונים' רבי יעקב דב מארמארשטיין שליט"א האט צוגעלייגט אז דאס איז אויך מרומז אין די פאלגנדע פסוק. בשעת'ן ענטפערן אמן אויף די ברכות האט מען אינזין: "**אמת היא הברכה** שברך המברך..." (שו"ע או"ח קכד ו); דורך "ענני באמת" ענטפערן אמן מיט כוונה, ווערט נתעורר א "עת רצון" און אונזערע תפילות ווערן אנגענומען לרחמים ולרצון.

מ'דארף אנצייכענען אז אין שו"ת מהרש"ל (סי' סד) שרייבט ער אויף זיך אז ער האט זיך געפירט אויסלאזן דעם פסוק, ווייל אין מדרש ווערט געברענגט אז די ריכטיגע צייט צו זאגן דער פסוק איז שבת נאכמיטאג ביי מנחה.

**מַה טֹּבוּ** וויפיל גוט'ס קומט אראפ דורך **אֹהָלֶיךָ** - די שולן פון די קינדער פון **יַעֲקֹב, מִשְׁכְּנֹתֶיךָ** - און פון די שולן פון דאס פאלק **יִשְׂרָאֵל: וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ** וואס דו האסט געטון מיט מיר, **אָבֹא בֵיתֶךָ** - בין איך זוכה דיך צו לויבן און דאווענען פאר דיר, דעריבער **אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ** - מיט יראה און הכנעה: **ה' אָהַבְתִּי** צוקומען צו **מְעוֹן בֵּיתֶךָ** - ד.מ. א שול, **וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ** - דער פלאץ וואו עס רוהט דיין כבוד: **וַאֲנִי אֶשְׁתַּחֲוֶה** און איך טוה אויסשפרייטן די הענט און פוס, **וְאֶכְרָעָה** מיטן איינבייגן די קאפ און דער קערפער, **אֶבְרְכָה** - און איך וועל קניען **לִפְנֵי ה' עֹשִׂי** - וואס האט מיך באשאפן, און מיך אויסדערוועלט פאר א עם סגולה: **וַאֲנִי תְפִילָּתִי לְךָ ה'** אז די צייט וואס איך דאוון זאל זיין א **עֵת רָצוֹן**, און דעמאלטס בין איך פארזיכערט: **אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ** - אז איך וועל זוכה זיין צו די ריכטיגע ישועה וואס בלייבט אויף שטענדיג.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די מחזור פון טאטן...

יום כיפור תשי"א, אינמיטן די גרעסטע פינסטערע טעג - אונטער די הערשאפט פון דער רשע סטאלין ימח שמו. הרב משה גרינבערג, וועלעכער איז שפעטער געווארן איינער פון די גרויסע עסקנים פון חב"ד, איז געווען א געווענליכער ארעסטאנט אין איינע פון די 'ווידער-ערציאונג'ס' לאגערן וואס סטאלין האט אויפגעשטעלט אין די ווייטע סיביר.

די תפילות פון יום הקדוש, האט ער געדאוונט יענע יאר מיט א ריכטיגע מסירות נפש, אלעס האט געדאוונט בשלימות, אויסער איין תפילה - די תפילה פון 'כל נדרי'.

אזוי האט זיך דעמאלטס אפגעשפילט די געשיכטע ווי עס ווערט דערציילט דורך זיין זון, רבי זושא שליט"א:

רבי משה איז דעמאלטס געווען א בחור אין עלטער פון איין און צוואנציג, אינגאנצן, און איז שוין געשטראפט געווארן ווי דער גרעסטער פארברעכער אויף פינף און צוואנציג יאר ארעסט צוזאמען מיט שווערע ארבעט אין א ארבעט'ס לאגער אין סיביר. זיין 'שרעקליכע זינד' איז געווען אז ער האט פרובירט אנטלויפן פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל, ווי דארט האט ער געהאפט צו קענען אפהיטן תורה און מצוות אפענערהייט.

אין לויף פון זיינע פריוואונגען צו אנטלויפן איז ער געכאפט געווארן דורך די רעגירונג און איז באלד געאורטיילט געווארן אויף אייביגע ארעסט. באלד נאכן אורטייל איז ר' משה מיט כח אפגעטיילט געווארן פון זיינע עלטערן און שוועסטער'ס, דערנאך וואס זיין איינציגער ברודער איז שוין געווען פארשפארט אין א אנדערע לאגער צוליב א ענליכע 'זינד', און איז פארשיקט געווארן צו א פארווארפענע ארבעט'ס לאגער אין סיביר.

ארום טויזנט מענטשן זענען געווען אין דער לאגער. זיי זענען באשעפטיגט געווארן מיט שווערע ארבעט. נאר צוואנציג פון זיי זענען געווען אידן, און זיי האבן זיך צוזאמגענומען צו קענען אויספלאנירן וויאזוי צו פייערן די ימים טובים וואס דערנענטערן זיך.

זיי האבן שוין משלים געווען אז זיי וועלן נישט האבן קיין שופר, נישט קיין ספר תורה, און אויך נישט קיין טליתים, אבער זיי האבן געהאפט אז זיי וועלן כאטש טרעפן א סידור וואס פון דעם וועלן זיי קענען דאווענען די תפילות פון די הייליגע טעג.

רבי משה האט באשלאסן אויף איינעם 'פון אינדרויסן' וואס איז נישט קיין ארעסטאנט, נאר האט געדינט אין לאגער אלץ א אינזשעניר פון פארשידענע פראיעקטן, וואס אויף אים האט ר' משה געטראכט ביי זיך אז דער קען זיין א איד, און האט צוגעווארט ביז עס וועט זיך מאכן א מעגליכקייט ער זאל אים עפעס קענען בעטן.

"אפשר קענסטו מיר העלפן?" האט רבי משה פארזיכטיג אריינגערוימט אין זיין אויער ווען עס האט זיך אים געמאכט א פאסיגע געלעגנהייט. אין יענע תקופה האבן די מערהייט פון די רוסישע אידן גערעדט א פליסיגן אידיש, און ר' משה וואס האט באמערקט די פונק וואס האט זיך אנגעצינדן אין די אויגן פונעם אינזשעניר האט פארשטאנען אז ער האט נישט געהאט א טעות, האט פארגעזעצט די קומענדיגע שטאפל:

"אונז זענען מיר דא צוואנציג אידן וואס ווילן דאווענען צוזאמען אין די קומענדיגע ימים טובים. אפשר קענסטו אונז פארשאפן א 'מחזור' אויף חודש תשרי מיר זאלן קענען דאווענען?" - האט רבי משה אים געפרעגט, און יענער האט זיך נישט געאײַלט ענטפערן 'יא'. זיי צוויי האבן געוואוסט אז זיי שטעלן איין זייער לעבן. דער אינזשעניר האט געקווענקלט, אבער אין ענדע האט באשלאסן צו פרובירן.

עטליכע טעג זענען אריבער פון דעמאלטס. "עס איז דא נייעס?" - האט ר' משה זיך אינטערעסירט ביי יענעם, ווען ער האט אים צום צווייטן מאל באגעגנט. "איך האב פאר דיר גוטע נייעס און אויך שלעכטע נייעס..." - האט דער אינזשעניר געענטפערט, און האט באלד פארגעזעצט: "טראץ די גרויסע שוועריקייט וואס איז פארבינדן מיט דעם, האב איך מצליח געווען צו טרעפן אזא מחזור ביי א נאנטער משפחה מיינער, אבער ווען איך האב זיך דערוואגט עס צו בעטן פון אים האט ער געקאכט פון צארן נאר אויפן זיך דערוואגן צו בעטן פון אים די אייציגסטע הייליגע ספר וואס ער האט ביי זיך".

אבער ר' משה האט נישט געוואלט נאכלאזן; "פרוביר אים פרעגן, אפשר וועט ער מסכים זיין צו פארבארגן דעם מחזור איך זאל קענען איבערשרייבן וואס דארט שטייט, און באלד נאכדעם וועל איך עס צוריק געבן, נאך בעפאר ראש השנה קומט צו גיין?" - האט ר' משה געפרעגט, אן ער זאל וויסן וויאזוי ער וועט טרעפן צייט אויף דעם.

דער געדאנק ווי עס זעט אויס איז געפעלן פארן אייגנטומער פונעם מחזור, ווייל אויפצומארגנ'ס האט דער אינזשעניר ערשיינט ווען א איינגעפאקטע פעקל ליגט אים אונטער די ארעם, ער האט עס איבערגעגעבן באהאלטענערהייט פאר ר' משה, און ער האט זיך אריינגעלייגט אין די ארבעט.

מיט א ריכטיגע מסירות נפש, יעדן טאג, נאכן ענדיגן ארבעט, איז ר' משה אריינגעקראכן אין א באהאלטענע גרוב וואס ער האט געבויעט נעבן זיין באראק, דארט האט ער פארברענגט ווי מער ער האט געקענט, ווען ער באהאלט זיך פון יעדע אויג ביז ער האט געענדיגט די ארבעט פון איבער שרייבן, און די מחזור איז צוריק געגעבן געווארן פארן אייגנטומער.

אזוי האט ער געהאט ביי זיך די אלע תפילות פון די הייליגע טעג, אויסער איין תפילה וואס האט געפעלט אין די ארגינעלע מחזור - די תפילה פון 'כל נדרי'.

מיט מסירות נפש האבן די ארעסטאנטן אפגעהיטן די אידישע דאטום'ס, און ווען עס איז אנגעקומען ראש השנה האבן זיי דורך ציגארעטן אונטערגעשמירט די וועכטער זיי זאלן זיי ערלויבן איבערבלייבן אין לאגער און דאווענען צוזאמען די תפילות.

מיט די הילף פון די מחזור וואס ער האט געהאט ביי זיך האט ר' משה געדינט אלץ חזן, ווען ער זאגט פאר הויעך די תפילות פון די מחזור וואס ער האט געשריבן מיט זיינע אייגענע הענט, און זיינע חברים זאגן אים נאך. זיבן טעג נאכדעם האבן זיי זיך נאכאמאל צוזאם געטראפן ווען די הייליגע טאג 'יום כיפור' איז אנגעקומען אויף צו דאווענען 'כל נדרי'. אבער צוליב די שווערע לאגע וואו זיי האבן זיך געפונען, האט קיינער פון זיי זיך נישט געקענט דערמאנען די פונקטליכע ווערטער פון די הייליגע תפילה און זיי האבן עס געמוזט זאגן פעלעריג.

נאר נאך כמעט זיבן ארעסט יאר, נאך די טויט פון סטאלין ימח שמו, איז ר' משה באפרייט געווארן פון די גרויזאמע ארעסט הויז, ווען די איינציגסטע זאך וואס ער האט מיטגענומען אלץ א אנדענק איז געווען דער מחזור.

ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין פאמיליע וואס האבן געוואוינט אין די געגנט פון מאסקווע, און שטיקל צייט נאכדעם האט זוכה געווען אויפשטעלן א משפחה און ארויף גיין קיין ארץ הקודש, ווען ער נעמט מיט זיך מיט די ספעציעלע מחזור.

ר' משה פלעגט נישט רעדן אסאך פון די ביטערע און שווערע יארן וואס זענען אריבער אויף אים אין סיביר, אבער אין די זעלטענע צייטן ווען ער האט דערציילט אויף יענע תקופה, האט ער מיט טרערן אין די אויגן געוויזן אויף די 'מחזור', וואס זיינע אותיות זענען שנעל געשריבן געווארן אויף צוזאם גענומענע פאפירן, און זיי זאגן עדות אויף די שרעקליכע אומשטענדן וואס זיי זענען געשריבן געווארן.

"פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג" פלעגט רבי משה צו זאגן, "האב איך זיך קיינמאל נישט באטייליגט אין אזעלעכע תפילות פול מיט געפיל, אזוי ווי די תפילות אין די שרעקליכע ארעסט יארן".

עיצובים shay